היינטיגער נומער האלט 8 זייטען.

№ 278 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

# לאָדזער טאָגעבלאַט

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 10057, פון אַדמיניסטראַציע 10047. || זונטאָג, כ"ח מרחשון תר"צ. || 1 grudnia 1929 r. || 22-טער יאָהרגאַנג.

# געשטאָרבען דעפּוטאַט ד"ר לעאָן רייך

לעמבערג, 30 נאָוועמבער (יטא) דעפּוטאַט ד"ר לעאָן רייך איז פאַריגע וואָך פּלוצלונג שווער קראַנק געוואָרען. פיהרענדיג דעם פאָרזיץ אויף דער לאַנד-קאָנפערענץ פון די מזרח-גאַליציאַנישע ציוניסטען, איז ד"ר ל. רייך פּלוצלינג געפאַלען אין חלשות. די דאָקטוירים האָבען דערנאָך פעסטגעשטעלט, אַז ער איז קראַנק געוואָרען אויף "בלינדע קישקע". מען האָט איהם תיכף געמאַכט אַ אָפּעראַציע.

נאָך דער אָפּעראַציע איז אין געזונד-צושטאַנד פון ד"ר רייך איינגעטרעטען אַ געוויסע בעסערונג. אבער היינט 8 אָוועגד איז פּלוצלינג איינגעטרעטען אַ שווערע האַרץ-קאָמפּליקאַציע און זיין צושטאַנד איז געוואָרען האָפנונגסלאָז.

**לעמבערג, 30. נאָוועמבער (יטא) 8.30 אָוועגד. ד"ר לעאָן רייך געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון גסיסה.**

## געשטאָרבען דעפּ. ד"ר רייך

**לעמבערג, 30 נאָוו. (יט"א) 1.15 ביינאַכט איז געשטאָרבען איז עלטער פון 51 יאָהר דעפּוט. ד"ר לעאָן רייך.**

ער האָט פיל מיטגעהאָלפען הערצל'ען ביים צוגויפרופען דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל און איז אויך געווען סעקרעטער פון ערשטען קאָנגרעס.

זינט דעמאָלסט האָט ד"ר לעאָן רייך פערנומען אַ אָנגעזעהענע אָרט אין דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער בעוועגונג, געווען יאָהרען-לאַנג מיטגליד פון אַקציאָנס-קאָמיטעט און פיהרער פון די גאַליציאַנער ציוניסטען.

אין די לעצטע 2 סיים'ען פון פוילען איז ד"ר רייך געוועהלט געוואָרען אַלס דעפּוטאַט און ער האָט פערנומען אַ איי־נגעאַרטיגע שטעלונג אין פראַגען פון יודישער פּאָליטיק אין פוילען, וועלכע ער האָט עקשנות'דיג פערטיידיגט אַ בעת ער איז געווען פּרעזעס פון יודישען "קאָלאָ" אין סיים, אַז ווען די פּרעזעס איז איבערגעגאַנגען צו דעפּוט. יצחק גרינבוים, יבדל לחיים.


דעפּ ד"ר לעאָן רייך

ד"ר רייך איז אויך געווען טעטיג אַלס שריפטשטעלער און פּובליציסט, געשריבען יאָהרענלאַנג פּאָליטישע אַרטיקלען אין לעמבערגער "כווילא" "לעמבערגער טאָגבלאַט", "לאָדזשער טאָגעבלאַט" און "מאָמענט". די דאָזיגע אַרטיקלען זיינע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט דער רייכקייט פון זיין שפּראַך, מיט שלאָגענדע אַרגומענטען און מיט קעמפערישען טעמפּעראַמענט.

ד"ר רייך האָט אין לאָדז געהאַט פיל פּאָליטישע אָנהענגער און איז דאָ געווען זעהר בעליבט. די לאָדזשער יודען געדענקען נאָך ד"ר רייכ'ס פייערדיגע ציוניסטישע רעדעס מיט וועלכע ער האָט געמונטערט צו גרויסע ציוניסטישע מעשים. און די לעצטע יאָהרען איז ד"ר רייך געוואָרען איינער פון די פּאָפּולערסטע יודישע פּערזענליכקייטען און פוילען און זיין טויט האָט אַרויסגערופען טיפען טרויער נישט נאָר אין פוילען, נאָר אויך אין אַלע יודישע קבוצים פון גאַנצער וועלט.

עהרע זיין אָנדענקען!

## 32 ספרי תורות פון חברון געברענגט קיין ירושלים

ירושלים, 30. (יט"א) 3 אויטאָמאָבילען בעוואַכט מיט מיליטער האָבען געבראַכט און רבנות הראשית 32 ספרי תורות פון חברון. די ספרי תורות זענען בעשעדיגט.

## אראַבישע עקזעקוטיווע פּראָטעסטירט דעם אַטענטאַט אויף בענטוויטש'ן

ירושלים, 30. (יט"א) די אַראַבישע עקזעקוטיווע האָט צוגעשיקט אַ דעפּעשע צום הויך-קאָמיסאַר טשענסעלאָר, אַז זי פּראָטעסטירט, ווי אַמשאַרפסטען דעם אַטענטאַט אויף נאָרמאַן בענטוויטש, הגם זי האַלט די טעטיגקייט פון דעם גענעראַל-פּראָקוראָר בענטוויטש אין ארץ ישראל פאַר אַנ-איינזיטיגע.

די דאָזיגע דעפּעשע האָט די א"י רעגירונג פערעפענטליכט אין ענגליש העברעאיש און אַראַביש.

## אראַבער שמוגלען געוועהר פון עבר הירדן

ירושלים, 30. (יט"א) אַ דייטשער טוריסט, וועלכער איז איצט צוריקגעקומען פון עבר-הירדן האָט איבערגעגעבען אַ מיטאַרבייטער פון "דואר היום", אַז פון עבר הירדן ווערט געפיהרט אַ גרויסער אַראַבישער געוועהר שמוגעל קיין א"י. די שמוגלערס גערען לייכט איבער די גרעניץ צוליב דעם, וואָס די גרעניץ וואָך איז זעהר אַ קליינע.

## ד"ר לעאָ רייך

פון לעמבערג איז אָנגעקומען די טרויעריגע בשורה וועגען טויט פון איינעם פון די בעדייטענדסטע יודישע פיהרער אין פוילען דעפּ. ד"ר לעאָן רייך.

מיט'ן טויט פון ד"ר רייך נעהמט אוועק אין קבר, איינער פון די עלטסטע ציוניסטישע וועטעראַנען, אַ קעמפער פאַר יודישע רעכט, אַ פייערדיגער טריבון און די בעדייטענדסטע, איינפלוסרייכסטע פּערזענליכקייט פון די יודען און גאַליציען.

ד"ר רייך האָט געענדיגט דעם יורידישען פאַקולטעט אין וויען און די הויך-שול פאַר פּאָליטישע וויסענשאַפטען אין פּאַריז.

זייענדיג אַ סטודענט אין דער ווינער אוניווערזיטעט, האָט ד"ר רייך זיך בעקענט מיט'ן שעפער פון ציוניזם ד"ר בנימין זאב הערצל ז"ל און איז תיכף געוואָרען אַ פייערדיגער אָנהענגער פון הערצל'ישען אידעאַל פון ווידער אויפבוי פון דר יודישער נאַציאָנאַל-היים.

## מספד מר

היום א' תולדות כ"ח מר-חשון, בשעה 4 לפנות ערב יערך מספד מר לפטירת הנדיב המצוין, הנודע בצדקת פזרונו בישראל, רחים ומוקיר רבנן

# מוה"ר ר' אלכסנדר סענדער זצ"ל דישקין

בביהמ"ד קילינסקי (ווידזעווסקא) 29

המספידים: הגאון הגדול מרן ר' איסר זלמן שליט"א מלצר מסלוצק ר"מ דישיבת "עץ חיים" בירושלים תובב"א, הרב הגאון ר' ישראל לעוו שליט"א ר"מ דישיבת "תורת חסד" בלאָדז, הרב הגאון ר' ארי' צבי פרצוביץ שליט"א אב"ד דטראָקי ועוד.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער טרויערנדער **פאמיליע דישקין** צוליב דער פטירה פון הרב

# ר' סענדער דישקין ז"ל

זייט געטרייסט מיט די טראַדיציאָנעלע ווערטער: המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**די פעראייניגטע יודישע פליישער אין לאדז**

ב. גרינבערג און שותפים.

